# מיינט איר אז איר האט די מוזלען (מיזעלס)

## וואס צו טאן אויב איר מיינט אז איר האט די מוזלען (מיזעלס)

**די מוזלען הייבן זיך אן, בדרך כלל, מיט היץ, הוסט, רינענדיגע נאז, און רויטע אויגן וואס ברענגען צו אן אויסשלאג. אויב איינער אין אייער פאמיליע האט די סימפטאמען פון מוזלען:**

דערווייטערט זיך פון פאמיליע מיטגלידער וואס זענען נישט קראנק.

יעדער איינער אין אייער הויזגעזינד זאל בלייבן אינדערהיים אז אייערע שכנים, אדער מענטשן אינדערויסן פון אייער שטוב זאלן נישט קראנק ווערן.

רופט זאפארט א דאקטאר אדער שפיטאל זיי צו לאזן וויסן אז איינער אין אייער שטוב איז קראנק מיט די מוזלען. זיי וועלן אייך געבן אינסטרוקציעס.



## ווען צו גיין צו דער עמערדזשענסי רום אויב דער

**אויב דער מענטש וואס איז קראנק ווערט שנעל ערגער, אדער האט איינע פון די סימפטאמען אויסגערעכנט אונטן, נעמט זיי זאפארט צו דער עמערדזשענסי דעפארטמענט פון א שפיטאל.**

**ווארט נישט.**



**אויסגעטרוקנט**
(טרוקענע נאז און מויל, יורינירט ווייניגער, ווײנען אן טרערן)



**ווייטאג ביים אטעמען אדער הוסטן**



**פראבלעמען מיטן אטעם**
(אדער אטעמט שנעלער ווי נארמאל)



**בלויע פארב ארום דעם מויל, נידעריגע ענערגיע, אדער שוועריגקייטן צו פיטערן**
(פאר יונגע קינדער)



**צעמישט, וואכיגקייט פארקלענערט, אדער שטארק שוואך**



**היץ, אדער קאפווייטאג הערט נישט אויף**

**מאכט זיכער אז איינער זאל רופן איידער איר קומט אן. לאזט דעם שפיטאל וויסן אז איינער וואס איז קראנק מיט מוזלען קומט.**